פענצטערלאך.

מיין באגריף פון רעוואָלוציע? מיין זיידע פלעגט מיר דערציילן שיינע פּאָוסטאַניע מייסעלאך, וועגן בערעק יאָסעלעוויטש און וועגן אידישע שענקערס, וואָס האָבן באַהאַלטן פּאַנעס, און דעם וויין וועגן דער אידישער דאַליע ביי פּאַנעס, וואָס קריכן אַרויס פון דער הרובע, דרייען זיך די וואָנסן און שרייען צום זשיד: „טשאַפּקען זדים"!

דערציילט האָט דער זיידע, וואָס איז געווען אַ שטאַרקער רעאַליסט, וועגן די קאָזאַקן, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַ פּאָוסטאַנטשיק האָבן זיי אים אָפּגעשניטן דאָס סאַמע וויכטיקסטע גליד, און עס אים דערלאַנגט מיט גרויס חעפּלאַכקייט: „קוריטע פּאַזשאַלוסטאַ!" ער האָט דערציילט מייסעס פון גרילאַ־קאַמפּן אין געדיכטע פּוילישע וועלדער, אַנטשלאָסענע, אַקשאָ־נעסדיקע, וועגן טליעס, פּיקעס, קינזשאַלן און קאָזאַצקע נאַגייקעס.

ערשטע טריט פון דער רעוואָלוציע. נאָך האַלבער נאַכט. נישט דורך דער פּאַראַדנער קראָקעווער פערשטאָט, נאָר אויף די פּאַרהויקערטע און דערשראָקענע אידן־גאַסן פּלעגט זיך מיטאַמאָל דערהערן געזאַנג. די האַלב־טאָוועלנע הייזקעס, וואָס זענען צוגעקלעפּט מיט ניכטערן שפּייעכץ, ציטערן אויף און בלייבן נייטראַל און שטום.

מען ווייסט שוין וואָס דאָס מיינט. מען האָט אפילו מוירע אַרויסצו־קוקן פון פענצטער, מען טוליעט זיך אונטער די איבערבעטן. מען ווייסט אַז די רעוואָלוציאָנערן נעמען מיט געוואַלט אַ גאַס. זיי שטעלן איין, אַז ביז די מאַכט וועט קומען צו דער אידן־גאַס, וועט שוין זיין אויס. און דערווייל גייען די פּע־פּע־עס פון דער אכזאַריעסדיקער העסעס אייזן־גיסעריי, וואו מען מאַכט שווערע וואַגשאַלן, פון די ציגעלניעס, פון די צוקער־פאַבריקן, מען האַלט שטורקאַצן, מען גייט מיט דער פאָן און מען זינגט:

נאַ באַריקאַדי, ליודו ראַבאָטשי
טשערוואָני שטאַנדאַרד

פריער גייט מען לאַנגזאַם, דערנאָך כאַפּט מען שנעל, די שטורקאַצן בליצן פאַרביי די פענצטער, מיטאַמאָל שטיל. אַ דערשראָקענע שטילקייט, וואָס שרייט געוואַלט און פּלוצים אַ געטומל פון פייערדיקע, בייזע קאָזאַצקע פערדלאַך, וואָס זענען אָנגעקומען, ווי דערוואַרט, צו שפּעט און נאַכאַלעמען.

די קאָזאַקן זענען בייז וואָס זיי האָבן פאַרשפּעטיקט און זיי טשישען זיך דעם קאַס מיט אַ שאָס, וואָס ווערט אַריינגעשלאָגן אין דער אידישער נאַכט אַריין ווי אַ פייערדיקער טשוואָק.

# רעפלעקסיעס

## דער מאַרש צו די גאָיעם

די ערשטע, אָדער קעמאַט די ערשטע פראַגע, וואָס בערגעלסאָן האָט מיר געשטעלט, איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט זיך צו באַקענען מיט

מיר אַפּיציעל, איז געווען: „מען זאָגט אויף אייך, אַז איר זענט יאַקני באַקאַנט מיט די ענגלישע ריידלאַך, ווי אַזוי קען מען אַרויסגעבן „מידאַם האַדין" אין ענגליש?"

און ס'איז אַוועק אַ געשפּרעך וועגן ענגלישן פאַרלאַג־וועזן, איבערזעצונגען, „סאַקסעס", „בעסט־סעלערס", צוטריט, אויפגעפּראַלטע טירן צו אַ גרויסער וועלט.

איז דאָס נישט קיין אַוולע. אַ שרייבער מעג טראַכטן וועגן אַ גרויסער אוידיטאָריע, וואָס קומט טרינקען פון זיין קרעניצע. עמעס, איך האָב געמיינט, אַז אַזעלכע זאַכן דאַרפן נעטאָן ווערן צניעסדיקער. איך האָב זיך אויסגעמאָשלט אַ גרויסן אידישן שרייבער ערגעץ אין מינסק, אין פּינסק, אין לאָדזש, לובלין, אָדער כעלם און אַ גרויסן וועלט־מיווון און וועלט־איבערזעצער אויף דעם סאַמע קראַטער פון פּאָפּאָקאַטעפּעטל. צווישן די ביידע איז נישטאָ קיין קאָנטאַקט, אויסער „האַרץ־וויבראַציעס", און פּלוצים קלאַפּט דער וועלט־איבערזעצער אָן אין דער נידעריקער טיר פון איינזאַמען שרייבער, בויגט אָן זיין פאַרגויעשקטע איבער־זעקס־פוס פיגור, נעמט אַרונטער דעם צילינדער און פאַלט צו די פיס: גרויסער אַלערגרעסטער איזראַעליטישער שריפטשטעלער! די וועלט וואַרט אויף דיין אידיש וואָרט! — טרערן פון גליק, דער שרייבער פאַלט דעם וועלט־איבערזעצער אין די אָרעמס און ביידע זינגען אויד לוי אָוודאָ טיקוואָסיינו.

אָבער, ווי עס ווייזט אויס, דאַרף דאָס געטאָן ווערן אַביסל אַנדערש. ווייל וואַרטנדיק אויף דעם וועלט־איבערזעצער, האָט די אידישע ליטעראַטור, ביז דעם היינטיקן טאָג, געשענקט דער וועלט בלויז איין שלום אַש. (כאָטש דאָ מוז מען אַרונטעררעכענען די איצטיקע מאַשינאָווע און אויטאָמאַטישע איבערגיסונגען פון „גוט־שטייענדיקע" אידישע שרייבער אין רוסיש, רויט־רוסיש און ווייס־רוסיש) שלום עליכם איז טאַקע שטאַרק פּאָפּולער אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער מנאַכעם מענדל איז נאָך אַלץ נישט געוואָרן קיין וועלט־באַגריף און כאָטש מען זאָגט, אַז מאָרים ראָזנפעלד איז איבערגעזעצט געוואָרן אַפילע אויף יאַפּאַנעזיש, האָט מיר נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן, אַז אַ יאַפּאַנעזער זאָל מיט זיין — אַ האַיאָ גאָזאַימאַס, (גוט מאָרגן) אָדער מיט זיין קאָמבאַן וואַ (גוט נאָווענט) מיר גלייך פאַלן אויפן האַלדז און זיך צעקושן מיט מיר, צוליב אונדזער „געמיינשאַפטלאַכן" מאָרים ראָזענפעלד.

און וואָס שאַיעך שלום אַש'ן אַליין, זאָגט מען אויך, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געוואוינט אַזוי ווייט פון זיין איבערזעצער, ווי ווייט עס איז קוטנע פון אַדים אַבעבאַ. וויפיל קאַנטאַקטן, וויפיל הינטערטירן, וויפיל „פּראָטעקציע" עס איז נויטיק געווען פאַר דעם יונגן אַש, ביז נאָרקי האָט אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע און געזאָגט שאַלאָם אַש, לאָז איך איבער פאַר זיינע ביאָגראַפן. דאָס איז שוין אָבער געשיכטע און אַש איז איצט אַש, דער איינאוניאינציקער, דער געקרוינטער. אין דער אידישער פאַרזעענער ליטעראַטור דרייען זיך אַרום אַסאַך אַשעלאַך, וואָס כאָלעשן

מען זאָל דערציילן דער וועלט אַז זיי זענען אויך דאָ. איך ווייס אַפילע פון שרייבער, וואָס שיקן זייערע ביכער צו אַש — עפשער וועט ער זיך מעראַבעם זיין און דערציילן די גאָיעם, אַז זיי זענען בעפיירעש אויך דאָ, אָבער אַש קען מאַכן אַ שוויג, ער קאָן האַלטן אַ סאָד, אים איז גוט אַרונטערצוקוקן אויף זיין ליב, אָבער טאַלאַנטן־אָרים פאָלק איסראָעל.

ווען די געפילן פון „קראַנקן איינגל״ האָבן זיך אויסגעלעבט אין די דאַלעד אַמעס פון אייגענער לעבצעניש, ווען די דיכטערישע הערצער האָבן געקלאַפט פאַר זיך, איז עס נאָך אַלץ נישט געווען קיינעמס דייגע. אָבער מיט אַמאָל, ווי איבערנאַכט, איז דאָס געוואָרן אַן עפּידעמיע, אַ פּאַניק, אַ בעהאָלע, אַ ווען ראַטעווען זיך פון אידישקייט. עס איז געוואָרן אַ מאַסנבאַוועגונג און דערפאַר מוז מען עס שוין פאַרצייכענען — זאָלן די פּראָפעסיאָנעלע אידישע פּסיכאָלאָגן, סאָציאָלאָגן, קריטיקאָלאָגן ציען זייערע שלוסן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ „פּאָכאָד״ — מען גייט נעבעך אויף דעם אָרימען אַש. ווי אַמאָל די אידישע אַקטיאָרן, גייען איצט די אידישע שרייבער מאַסנווייז צו די גאָיעם.

ניט אַ קראַץ אַ אידן און עס שפּרינגט אַרויס אַ וואולגאַרער אַסימילאַטאָר. ער איז גרייט אויפצוגעבן זיין האַס און פּאַס, זיין בוך, זיין ציטונג, זיין שפּראַך צוליב טאַטעריש, אַלבאַניש, בולגאַריש, אָדער, לעהאַוודל, לאַשנקוידעש. אַ אידישער שרייבער איז אַכוץ דעם איינגעבוירענעם אַסימילאַטאָר, נאָך אויך אַ נערוועזער גייער. ראַס ער האַלט אין איין גיין. ער גייט צו די העברעער, ער גייט צו די קאָמוניסטן, ער גייט צו דעם איקאָר, אָדער ער גייט גאָר אַוועק צו די גאָיעם.

ווילן מיר דאָ קוידעם קאָל אַרויסלאָזן אַ סטראַשונאָק צום אידישן לעזער: איר ווילט נישט קויפן קיין אידישע ביכער? איז — אַ מיצווע אויף אייך, מען וועט אייך אינגאַנצן איבערלאָזן אָן גייסטיקע פּיטערער. ווייניפער האָט שוין איבערגעזעצט זיינס אַ בוך לידער אין ענגליש, תלוש האָט שוין איבערגעזעצט זיינס אַ ראָמאַן אין ענגליש, סעקלער האָט שוין אַליין אָנגעשריבן אַ ראָמאַן אין ענגליש און מיר קאַווירן אַז עס קומען נאָך און נאָך, וואָס ווען אַוועקמאַרשירן צו דעם „יאָנג־איזראַעל״ — גאָי, אָדער צו אַנדערע „ענגליש־שפּרעכנדע״ עלעמענטן.

פאַר אונדזערע אויגן קומט פאָר אַ גרויסע, אויב נישט קיין היסטאָרישע, איז, לעכאָל האַפּאָכעס, אַ היסטערישע באַוועגונג זיך צו ראַטעווען פון אידיש און פון אידישן לעזער (?) און אַוועק וואו דער שוואַרצער פּעפער וואַקסט, אָדער וואו די ציטראָנען בליען.

און אויב אַש'ס ערשטע קאַדרילן אַרום זיינע איבערזעצער זענען שוין געשיכטע, זעען מיר איצט מיט אונדזערע אייגענע אויגן, ווי טאַנדעטנע דאָס ווערט געמאַכט. מיר זעען, נישט ווי מען זעצט איבער, נאָר ווי מען כאַוועט אויס, מען ניאַנטשעט אויס אַן איבערזעצער און מען לאָזט זיך איבערזעצן. מיר זעען ווי מען האַמערט די הינטערטירן צו די גרויסע ליטעראַטורן: ראַטויטיע! פּאָזשאַר! אַטוואָריטיע! העלפּ! עפּן זיך,

סעזאָמע!

מיר זעען, ווי עס וואַקסט אַ גאַנצע אינדוסטריע. אַלע אַוואַוידע
זאָרעס דאַרף אַ אידישער שרייבער דינען. ער מוז זיך פאַרזאָרגן מיט אַ אידישער רעפּוטאַציע אין בירא־בידזשאַן און מיט אַ גויעשקער אין וואַשינגטאָן הייטס.

איך האָב צו וויינפּערן די פריינדלאַכסטע געפילן. איך באַוואונדער זיין אומעטומיקייט, זיין נאָך און נאָך אַמביציע, זיין פליס, זיין באַוואוסטזיניקן שפּאַן, זיין פּראַקטישן און ניכטערן קוק אויף דער ליטעראַטור, זיין פילאָזאָפיע, אַז אויב מען כאַפּט נישט אַריין, איצט ביים לעבן, אַביסל אוילעם־האַזע, איז נאַפּליוואַט אויף אוילעם־האַבע, אויב מען ווערט נישט גרויס ביים לעבן, איז מען אַן אַריע מעס נאָכן טויט. דערפאַר זיין שעפערישע שרייב־אינדוסטריע, לידער־ביכער, פּאָרטרעטן פון שרייבער אַרום וויינפּערן, נישט קיין ליד איבער ערעץ איסראָעל, נאָר אַ גאַנץ בוך, נישט קיין לידל איבער בירא־בידזשאַן, נאָר אַ בוך. איך בין מעקאַנע אַזאַ מעטאָדישקייט און איך וואַרף מיין היטל און שריי „האָך!" דריי מאָל.

איך וויל אָבער איצט רעדן נישט וועגן דעם אידישן וויינפּער, נאָר וועגן דעם נייעם ענגלישן פּאָעט „מר. זייאָן וויינפּער", וועלכער האָט געקראָגן אַ באַנקעט לעקאָוועד דעם דערשיינען פון זיין בוך לידער אין ענגליש. עס איז געווען שוין איינמאָל אַ באַנקעט! זיינע אידישע אונטערפירער צום „טויף" האָבן זיך געוואונשן, איינער דעם אַנדערן: „מער טשעם ביי אייך!"

זאָלן דאָ די היסטאָרישע אונטערפירער דערמאָנט ווערן, ווי זיי ווערן אויסגערעכנט אין צעטל פון דעם אַראַנזשיר־קאָמיטעט: דר. א. אייסען, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יוסף אָפּאַטאָשו, דר. ש. מאַרגאָשעס, דר. א. קאָראַלניק. די אַנדערע נעמען קען איך נישט — זיי זענען מיסטאָמע גרויסע ענגלישע שריפטשטעלער, פון וועלכע איך האָב, ביי מיין אַמעראַצעס, לוידער קיינמאָל נישט געהערט.

אַ שאָד, וואָס איך בין דאָרט נישט געווען צוצוזען מיט די אייגענע אויגן די גרויסע סימכע ווי „זיין טאַלאַנט ווערט אַנערקענט", לויט דעם לאָשן אין דער איינלאַדונג. ליבער וויינפּער, אַ שאָד וואָס איך האָב דיר פּערזענלאַך נישט געקענט אויסדריקן דעם דאַנק פאַר נעמען אויף זיך די שווערע מיסיע צו זיין דער וועג־ברעכער צו די גאָיעם פאַר אונדז אַלעמען. פאַרשטייט זיך, אַז אין דיין גרויסער באַשיידנקייט, האָסטו אָנגעפאַנגען מיט דיינס אַן אייגן בוך לידער.

אָבער איצט אַז מיר האָבן שוין דעם פּאַניק, דעם עקזאָדוס, דעם ווילן איינצונעמען נייע קאָנטינענטן, וואָס קענען מיר טאָן דערמיט? ווי אַזוי קען מען דעם בורלעסק רעדוצירן צו אַן ערנסט? איז, ווי געזאָגט: די אידישע סאָציאָלאָגן, קרימינאַלאָגן, אַרכעאָלאָגן, און קריטיקאָלאָגן וועלן שוין ציען זייערע שלוסן. זיי וועלן רעדן וועגן דער נייער מאָסע פון אַ אידיש־ענגליש לעזנדיקן פּובליקום, וואָס וויל גייסטיקע אידישע שפּייז,



דאַווקע אויף דער ש
רוקן צו קאַלמאַנאָוויט
פאָרד אַדעטסן אויף
זינגט זמירעס, און ווי
ביסל אידישקייט אין
ווערן און ס'האָבן זיך
לייט און ליטעראַרישע
נייעם שפּראַכלאַכן הע
אויב ס'איז טאַק
און אין דער ענגלישע
מיינע טויבע אויערן ד
מיר אָבער, וואָס
גלאַט דערווידער דער
לויפט צו די גאָיעם א
אים ביי דער פּאָלע מ
מיר ווילן דאָ רעדן
וועג איז דער וועג פון
אַ וועג מען דאַרף זיך
וואַיוומער — האַ
— משה — מוישע —
איסראָעל —
ווי לייכט עס לאָז
ברוסט אַריינגעזויגן: ל
האַרץ. דאָס האַרץ פ
אייפערזיכטיק אויף עס
מען שטאַרבט זיך און
ציעם פּלוס אַ פּאַבולע,
איז דער וועג דירעקט
אינטערנאַציאָנאַליש, ע
מיט אַן אויג צו אַלע
מיט דעם „בלוט פון זיי
וואָס איז פאַרשטענדלאַ
לעצטנס רעדט מע
ענגליש פון בלויז 800
זאַגן, קעדיי יעדער אוי
לעבן און זיך פאַרשטע
דעם בעיסיק־ענגליש מ
פּראַנטאָ.
אַש, דער אייניקט
סאָרט פון בעיסיק־אידיש

דאַוווּקע אויף דער שפּראַך פון דער מעדינע, וואָס שטעלט זיך מיט דעם רוקן צו קאַלמאַנאָוויטשעס בראָנקסער פּיעסן און קומט דאַוווּקע צו קלי־פאָרד אָדעטסן אויף בראָדוויי. אַ פּובליקום וואָס זיצט אין אַ יאַרמעלקע, זינגט זמירעס, און וויל אַז מען זאָל פאַר אים שוין איבערגיסן דאָס גאַנצע ביסל אידישקייט אין ענגליש. אַזאַ פּובליקום מוז באַצייטנס געסאַרוועט ווערן און ס'האָבן זיך שוין אַ לאָז געטאָן אויף דעם וועג גענייטע געשעפטס־לייט און ליטעראַרישע גאָלדשפּינער, צו זען וואָס מען קען טאָן מיט דעם נייעם שפּראַכלאַכן הערמאַפראָדיט — אַזוי וועלן שרייבן די שלוסנציער.

אויב ס'איז טאַקע דאָ אַ דראַנג, אין דער וועלט־ליטעראַטור בעכלאַל, און אין דער ענגלישער ליטעראַטור בעפּראַט, פאַר אַ אידיש וואָרט, האָבן מיינע טויבע אויערן דעם דראַנג נישט פאַרנומען.

מיר אָבער, וואָס זענען נישט קיין שלוסנציער, נאָר עס איז אונדז גלאַט דערווידער דער טרויעריקער ספּעקטאַקל פון אַ לעזער, וואָס אַנט־לויפט צו די גאָיעם און פון אַ שרייבער, וואָס לויפט אים נאָך און כאַפּט אים ביי דער פּאָלע מיט טאַכנונים: מיסטער, מיר קענען ענגליש אויך — מיר ווילן דאָ רעדן וועגן צוויי שיטעס אין דער ליטעראַטור. איין וועג איז דער וועג פון די מאַזלדיקע האָזן. זיי וויסן גלייך אויף וואָס פאַר אַ וועג מען דאַרף זיך פאַרנעמען.

וואַיוימער — האָט געזאָגט — אַדוישעם — אַדוישעם — על — צו — משה — מוישע — דאַבער — דאַבער — על — צו — ישראל — איסראָעל —

ווי ליכט עס לאָזט זיך איבערזעצן. זיי האָבן גלייך מיט דער מאַמעס ברוסט אַריינגעזויגן: לייכטע שפּראַך און נישט מינערער פון גאַנצן וועלט־האַרץ. דאָס האַרץ פון דער וועלט קלאַפּט אויף עספּעראַנטאָ. מען איז איפּערזיכטיק אויף עספּעראַנטיש, מען ליבט זיך אויף עספּעראַנטיש און מען שטאַרבט זיך אויף עספּעראַנטיש. אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע עמאָ־ציעס פּלוס אַ פּאַבולע, אַ מאַנסע צו דערציילן און פּלוס אַ לייכטע שפּראַך איז דער וועג דירעקט צו ערפאָלג. דער וועלט־שרייבער שרייבט גלייך אינטערנאַציאָנאַליש, ער שרייבט אויף זיין שפּראַך, אָבער די גאַנצע צייט מיט אַן אויג צו אַלע שפּראַכן פון דער וועלט — צום באָוול, ער שרייבט מיט דעם „בלוט פון זיין האַרצן" און בלוט איז אויך אַ שטיק עספּעראַנטאָ, וואָס איז פאַרשטענדלאַך פאַר אַ קאַניבאַל, ווי פאַר אַ היטלעריסט.

לעצטנס רעדט מען שטאַרק וועגן „בעיסיק אינגליש". אַ טאַמצים־ענגליש פון בלויז 800 ווערטער אין לייכטע קינדערשע אומבאַהאָלפענע זאַצן, קעדיי יעדער אויסלענדער זאָל זיך גלייך אָן שוועריקייטן קענען אויס־לעבן און זיך פאַרשטענדיקן מיט אַן אַמעריקאַנער, מען וויל אַפילע פון דעם בעיסיק־ענגליש מאַכן אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, אַ נייען עס־פּעראַנטאָ.

אַש, דער איינציקער בריוט־איבערגעזעצטער איד האָט דערפונדן דעם סאָד פון בעיסיק־אידיש: אַרום 800 ווערטער און לייכטע קינדערשע אומ־

באַהאַלפּענע זאַצן, אַזוי אַז די מאַנסע לאָזט זיך גלייך איבערזעצן ווי וואַ־ דאַבער [illegible]

פאַראַן אַ צווייטע שיטע. פאַראַן אַזעלכע שרייבער, וואָס פרעסן זיך איין דירעקט אין דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי שרייבן. זייער איינלאָשן איז פאַר זיי אַ קעסיידערדיקער וואונדער, זיי האַלטן אין איין אויפפראַלן געהיימען אין דער שפּראַך, זיי נאָגן אויס ביז צום לעצטן טראָפּן דעם מעדיום אַליין — ווי פאַרב אַליין ווערט אַן איניען ביים מאָלער, אַזוי ווערט שפּראַך, שרייבערישע פאַרב, אָדער שרייבערשער ליים אַן איניען ביים שרייבער, וואָס פאַרגעסט אין גרויסן שפּיל דעם כאָלעם פון אַ בריטוועלטלאַכקייט. אַזאַ שרייבער איז אָפט שווערער איבערצוזעצן, ער איז צופיל פאַרוועבט אין יעדן וואָרט זיינס, רייסט אים אָפּ פון זיין שפּראַך און איר מוזט נוצן אינסטרומענטן, עס איז נישט קיין איבערזעצונג, נאָר אַ שטיק אָבסטעטריקע, מען מוז אים אַרויסרייסן פון דער מאַמעס בויך. צו אַזעלכע שרייבער פאַלט די וועלט נישט צו, ווייל מען מוז פריער אַריינשפּרייזן אין אַ פרעמדער וועלט, אַ וועלט וואו וואָרט און אינהאַלט זענען מאַגיש פאַרקניפּט, אַן אייגנטימלאַכע וועלט, וואָס אָטעמט אויף דיר מיט אַ פרעמדן עפּאָס און מיט פרעמדע ווינגלידער פון אַ פרעמדער מוטערשפּראַך. אַזאַ שרייבער קען נישט אַרונטערקראַצן דאָס מעלאָדראַמאַטישע פון לעבן און עס דערלאַנגען מיט אַ טרער אויף אַ גילדענער טאַץ, ער גראָבט טיפער, ער איז דער קילער מייסטער אין דערפאַר מוז ער פאַר דעם פרעמדן, אויף דעם ערשטן אויגנבליק, אויסקוקן ביזאַר, און ווער וויל עס צוטרעטן נענטער צו ביזאַרער ליטעראַטור, באַקעמפנדיק אין זיך אַלע פאָראורטיילן צו פרעמדקייט בעכלאַל.

אויב איר ווילט איז די צווייטע שיטע נאַציאָנאַלע קונסט. אויב איר ווילט איז דאָס פּרוסט, דזשאָיס, פּושקין, גאָגאָל, שלום עליכם, ביאַליק. די וועלט האָט עפּשער געהערט אויסקלינגען זייערע נעמען צוליב דער אָדער אַן אַנדערער אורזאַך, אָבער קיין מאַזל צו דער וועלט האָבן זיי נישט, ווייל ווי גרויסע קינסטלער, האָבן זיי געזוכט די גרויסע פרייהייט אין דער ענגסטער דיסציפּלין פון דעם אייגענעם לאָשן, זיי האָבן עס געוואויגן ווי אַפּטייקער, זיי האָבן געאַרבעט מיט ווערטער און זיי האָבן זיך באַגרעניצט מיט די מעגלאַכקייטן, אָדער באַגרעניצונגען פון דער אייגענער שפּראַך. און וואָס פאַר אַ נאַפּקע מינע איז עס, אויב פּושקין, ביאַליק אָדער דזשאָיס, קענען זיך נישט אַזוי לייכט אַריבערגיסן אין פרעמדע שפּראַכן, וועלכע זאָלן קענען אָנהאַלטן נישט אויסגעוועפּטערהייט דעם אור־אַראָמאַט פון יעדן באַזונדערן וואָרט? וועמען אַרט אויב אַ גרויסער אַלבאַנישער, אָדער אַ גרויסער רומענישער דיכטער, איז נישט באַקאַנט אין אַלאַסקאַ? וואָס מיינען בעכלאַל וועלט־אידעאַלען, געגעבן דורך ליטעראַטור, אין ליכט פון אַ וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט געאיידלט און געאיידלט און ענדלאַך דערפירט צום היטלעריזם אָדער מוסאָליניזם? דער וועלט־שרייבער, וואָס קוקט גלייך אַרויס אויף אַ וועלט־קליענטעל מוז ווערן זיין אייגענער ערשטער

איבערזעצער, ער מוז שוין, אויפֿן אָרט, נעמען שווערקייטן און זיי פֿאַר־ לייכטערן, ער מוז נעמען טיפֿקייטן און זיי פֿאַרפֿלאַכן, קעדיי עס זאָל קענען קומען דער צווייטער איבערזעצער און ער זאָל גלייך קענען אַרויסקומען מיט דעם שפּרוך: זע נאָר, זע, ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי אידלט זיך!

עס איז אָבער נישט עמעס, עס זענען דאָ גרונטאָוונע אונטערשיידן, וואָס לוינען זיך אָבער נישט פֿאַר דער קאַמעריץ.

וועלכער איז דער וועג — דזשאָים, אָדער טהאָמאַס מאַן? ווער־ פֿעל, אָדער פּרוסט? אַש, אָדער שלום עליכם? ווער ווייסט?

עס איז בלויז פּריקרע צו זען, ווי צענדליקער טויזנטער בלייכע הענט ציִען זיך צום נאָבעל־פּרייז, עס איז ווידערוויליק צו זען, ווי פֿון יעדער שורע שרייט אַרויס דראַנג נאָך וועלט־אַנערקענונג, און ס'איז בלויז לע־ כערלאַך צו זען, ווי ביי אונדז אויף דער אייגענער גאַס, האָט מען זיך שוין אויך אָנגעהויבן מאַסנווייז צו איבערזעצן אויף וועלט־שפּראַכן, אַזוי אומפּעטיק, ווי ס'וואָלט געהאַלטן ביי נילע מיט אידיש, און עפּשער האַלט עס טאַקע ביי נילע און זיי מיט זייער שאַרפֿן געשעפֿטלאַך־ליטעראַרישן כוש האָבן עס דערשנאַפּט.

און צום שלום: איך האָב אַמאָל געזען „עמאַנועל נויאַך", אַ דראַמע פֿון ה. סעקלער. מיר איז זייער געפֿעלן דער דיאַלאָג — וועלטלאַך־קלוג, דאַמען און מענער רעדן און ס'איז זיי גוט צו הערן; נישטאָ קיין אָנשטעל פֿון וועלטלאַכקייט, נאָר טאַקע געשפּרעך פֿון מענטשן, וואָס זענען היימיש מיט שעקספּירן און האָבן האַנאָע פֿון הײנע'ס שאַרפֿע לידער. די דראַמע האָט געהאַט אַ קורץ לעבן און מיך האָט עס פֿאַרדראָסן. איך האָב עס אַסאַך מאָל געזאָגט סעקלערן אַליין, אויסדריקנדיק מיין באַדויערן.

און איך האָב אָפֿט געטראַכט וועגן סעקלער'ס דראַמען בעכלאַל. וועגן זיין „אַשמעדאַי", וועגן „עמאַנועל נויאַך", וועגן זיין פֿיינעם קאַמערמוזיק איינאַקטער „דער זעער זעט זיין קאַלע". וואָס פֿעלט אָט די דראַמען צו עכטקייט? וואָס פֿעלט זיי צו גרויסקייט?

איצט איז מיר אַביסל קלערער געוואָרן, ווען איך האָב געלייענט, אַז סעקלער האָט שוין אָנגעשריבן אַן ענגלישן ראָמאַן. איך האָב באַשלאָסן, אַז צווישן סעקלערן און גרויסקייט, שטייט זיין פֿאָליגלאָטישע פֿען, וואָס גייט איבער לייכט און פּיפּיק, פֿון העברעאיש צו אידיש, פֿון אידיש צוריק צו העברעאיש, פֿון ביידע צו ענגליש. די פֿילשפּראַכיקע צונג קען נישט האָבן קיין צו שטאַרקע צוגעבונדנקייט צום וואָרט, ווייל עס פֿעלט די איינגעוואָרצלטקייט. זי שפּרינגט פֿון לאָשן צו לאָשן אָן וואַרימקייט פֿאַר דעם וואָרט, נאָר מיט דער לייכטער און פּראַקטישער פֿילאָזאָפֿיע, אַז נישט דאָס ריידעלע, נאָר דער איקער איז דאָס „דאָברע מײנעלע."

וואו ביי וועלכע אומעס האָבן גרויסע קינסטלער געשאַפֿן אויף דריי שפּראַכן, ביי וועלכע פֿעלקער האָבן קינסטלער אַרויסגעוויזן אַזויפֿיל שפּראַך־נערוועזיטעט, ביי וועלכע ליטעראַטורן האָבן די שריפֿטשטעלער קע־

סידער געהאַלטן אין איין וועלן כאַפּן דאָס גאָלדענע פישעלע פון וועלט־אנערקענונג?

פושקין האָט אַלס קינד געפּלירטעוועט מיט פראַנצויזיש, אָבער ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין רוסיש און געוואָרן דער רוסישער נאַציאָנאַלער פּאָעט. אסאַך שרייבער, הויפּטזעכלאַך דיכטער, האָבן געפּלירטעוועט פון צייט צו צייט מיט אַן אַנדער לאַשן, אָבער נישט מער ווי געפּלירטעוועט, עס איז אַלעמאָל געווען דאָס אייגענע וואָרט, וואָס איז געווען טאַטע־מאַמע און היים, עס איז געווען געדולד צו וואַרטן אויף פּאַרציעס אייביגקייט.

קיטס, דער פאַרפייניקטסטער פון אַלע דיכטער, האָט זיך נישט גע־זוכט צו ראַטעווען מיט פראַנצויזיש אָדער טערקיש, ווען ער האָט געהאַט קנאַפּ לעזער און ווען די קריטיקער האָבן אים פאַרצאַפּט דאָס בלוט. די פּוזעדיגקייט פון אידישן געמיט (אויב סעקלער וועט מיר דערלויבן אזא פאַראידישט געמאַרע־וואָרט) האָט הונדערט מאָל אָפּגעהאַקט דעם נאַטיר־לאַכן גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור. פון אליהו בחור אָן ביז דעם היינטיקן טאָג, איז דער פלוס פון אידיש פופצנהונדערט מאָל פאַרקערעוועט געוואָרן אין פאַרשידענע קאַנאַלכעלאַך, צוליב פאַרשידענערליי אויסטער־לישע אויסגעטראַכטע אַסימיליאַטאַרישע אויסריידן און שמאַרשטיקלאַך.

דערפאַר האַלטן מיר נאָך אַלץ אין ליטעראַטור־אַפּשאַצונג ביי קאַמעצ־אַלעפאַ און דערפאַר עפּשער דאַרפן מיר אַלע שטיין און סאַלוטירן מר. זייאָן ווינפערס ענגליש בוך לידער „עט דהי ריטש מענ׳ס געיט" ווינשנדיק זיך מיט טרערן אין די אויגן ———

מערטשעם ביי אונדז אויף ענגלישע סימכעס!

## די ציאָניסטישע קאָנווענשאָן און אידיש

ווען דער אינזיך וואָלט געהאַט פּלאַץ, וואָלט מען באַדאַרפט איבער־דרוקן הלל ראָגאָפ׳ס אַרטיקל פון יולי נומער „צוקונפט." דאָס אַרטיקל, וואָס איז באַטיטלט „די שיינע ערעץ איסראָעל און דער ניט שיינער קאַמף קעגן אידיש" און טראָגט דאָס סוב־קעפּל „די שטומקייט פון די אידישע מאַסן", איז אַ באַריכט פון אַ מענטש וואָס האָט זיך גענומען די מי צו זען, צו הערן און צו באַטראַכטן, ווי אַזוי אידיש ווערט באַהאַנדלט אין ערעץ איסראָעל.

אַרויסגעקומען איז אַ דאָקומענט, וואָס איז מאַמעש רירנד, ריינד דערפאַר ווייל ראָגאָף איז בעטעווע נישט קיין איבערטרייבער, נישט אויף גוטס און נישט אויף שלעכטס, דאַווקע פון די קאַלטע און זאַכלאַכע שורעס שריט אַרויס דער פּראָטעסט קעגן אַן אינקוויזיציע אויף אידיש. קען מען איצט שוין נישט אָפּקומען מיט קיין ציניש טירוצים, מען קען זיך שוין נישט אַרויסדרייען מיט קעגנגעשריי אויף די אידישיסטישע שקאָצים און צולעהאַכעסניקעס.

אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

Jacob Glatstein. "Der marsh tsu di goyim." *Inzikh* 14 (July, 1935): 55-62